ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
תתקנ"ה
ראש השנה
שנת תשפ"ז לפ"ק

ה' כה) עס דערציילט
**כ"ק מרן גאב"ד ירושלים עיה"ק שליט"א** בעל מועדים וזמנים

## עשה עושה ויעשה לכל המעשים

מיט אסאך יארן צוריק (לכאורה בשנת תשל"ב לפ"ק) ווען איך האב זוכה געווען צו זיין אין אמעריקע, במחיצת הקודש פון **כ"ק מרן רביה"ק הדברי יואל מסאטמאר זי"ע**, האבן מיר די מקורבים דערציילט א מעשה וואס האט זיך יעצט אפגעשפילט ביים רבי'ן אין שטוב.

עס זענען געווען עטליכע נגידים ביים רבי'ן, און זיי האבן פארגעשלאגן אז זיי ווילן גרינדן פון זייער געלט א 'טאג-צייטונג' וואס זאל אויסשליסליך געפירט ווערן לויטן דעת תורה פונעם רבי'ן. עס וועט זיין א געוואלדיגע געלעגנהייט צו קענען שטארקער מפרסם זיין דעם דעת תורה פונעם רבי'ן קעגן ציונות און אלע ענייני אמונה, און עס וועט אויך ביזנעסווייז זיין א תועלת פאר סאטמארער חסידים.

דער רבי האט געבעטן עטליכע טעג, ווייל ער וויל זיך איבערטראכטן. נאך עטליכע טעג האט דער רבי געענטפערט אז ער איז נישט מסכים, און ער האט מסביר געווען טעמו ונימוקו "ווער עס ליינט צייטונגען געוואוינט ער זיך צו אז די וועלט ווערט געפירט עפ"י דרך הטבע, וואס דאס איז כפירה. צו קענען האבן א צייטונג דארף דאס האבן א געהעריגע אויפזיכט, וואס מ'זאל אכטונג געבן אז אין יעדן פרט ופרט זאל דערמאנט ווערן אז אלעס איז נאר דורכ'ן אייבערשטן, און גארנישט ווערט נישט געטון אליין".

האט דער רבי געזאגט **"איך קען זיך דאס נישט אונטערנעמען, מילא א וואך-צייטונג האב איך מסכים געווען בלית ברירה, ווייל מ'מוז דאך האבן א וועג וויאזוי מודיע צו זיין אונזער שיטה פאר די גאס. אבער א טאג-צייטונג וועט גורם זיין אז מ'זאל פארגעסן אז דער רבש"ע נאר ער איז 'עילת כל העילות וסיבת כל הסיבות', מ'קען נכשל ווערן אין כפירה ממש, און צו דעם קען איך נישט מסכים זיין".**

דער רבי האט דעמאלטס געבעטן אז מ'זאל נישט מפרסם זיין לרבים די סיבות וואס ער האט געזאגט, וטעמו ונמוקו עמו. (ליתר דיוק, העיתון התחיל להופיע בתור טאג-צייטונג, וכעבור ארבע שבועות צוה רבינו הק' ז"ל לסגור העיתון, וכדבריו כן עשו.

ה' כו) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ג ר' אברהם שמחה הכהן פריעדמאן שליט"א**

## ומפגיע אין בעדינו?!

איך האב געהערט פון **הגה"צ רבי נתן יוסף מייזעלס זלה"ה**, וואס ער האט דאס געהערט פון **כ"ק מרן רביה"ק** זלה"ה, אז דער הייליגער **דברי חיים זלה"ה** ארויסגייענדיג פון ביהמ"ד נאך סליחות האט ער באמערקט איינעם פון די רבנים שטייענדיג פארטראכט.

האט זיך דער צאנזער רב אפגעשטעלט און געפרעגט יענעם רב וואס ער איז אזוי פארטראכט. האט דער רב געענטפערט אז מ'האט יעצט געזאגט ביי סליחות **"ומפגיע אין בעדינו", לכאורה מיר האבן דאך דעם רב וואס ער בעט פאר אונז?!..."**

דער צאנזער רב האט גארנישט געענפערט און ער איז געגאנגען ווייטער.

ה' כז) עס דערציילט
**כ"ק אדמו"ר מקיוויאשד שליט"א**

## דער עמוד גיט כח

ביים **רבי'ן כ"ק מרן רביה"ק** זלה"ה האט מען געזעהן די בחינה פון 'פושט צורה ולובש צורה'.

עס איז געווען אמאל פאר יוה"ק ווען **כ"ק אא"ז הגה"ק רבי אלעזר שפירא זלה"ה מקיוויאשד** האט זיך נישט גוט געשפירט, און דער דאקטער האט איהם נישט געלאזט פאסטן. דער זיידע געווען אומבאקוועם צו דאווענען פארן עמוד אויב ער קען נישט פאסטן. האט ער געבעטן פון זיין איידעם **כ"ק אאמו"ר מהר"ם מקיוויאשד זלה"ה** צו גיין פרעגן דעם רבי'ן ז"ל כדת מה לעשות.

איך בין מיטגעגאנגען מיטן טאטן ז"ל צום רבי'ן, עס איז געווען ערב יוה"ק נאכן טיש, דער רבי האט איז געווען אינגאנצן דורכגענומען מאימת הדין.

דער טאטע ז"ל פלעגט זאגן אז "דער רבי האט נאך געהאט נאסע אויגן פון די תורה ביי די ערב יום כיפור סעודה"... איך האב זוכה געווען אז דער רבי האט מיך דעמאלטס געבענטשט.

ווען ער האט פארגעלייגט די שאלה, קודם האט דער רבי געזאגט "די דזשיקובער קינדער **לעת זקנתם האבן נישט געדאווענט פארן עמוד, נאר די קינדער האבן געדאווענט"**.

נאכדעם האט ער געזאגט **"דער עמוד גיט כח!"**.

ותגזר אומר ויקם לך, דער זיידע ז"ל האט טאקע געהעריג געדאווענט יענעם יוה"ק פארן עמוד מתוך תענית. (מ'האט אים נאר געגעבן אינטערווינעס). (מתוך שיח"ק ב' סליחות תשפ"ו בקרית יואל)

ה' כח) עס דערציילט
**הרה"ג ר' חנני' יו"ט ליפא טייטלבוים שליט"א** מו"צ דקהלתינו אנטווערפן

## מברכותיו של אדם ניכר אם הוא ת"ח

בימי בחרותי האב איך זוכה געווען צו זיין אויף ראש השנה בצ"ק פון **כ"ק מרן דו"ז הגה"ק הברך משה זלה"ה**. און מיר פלעגן האבן די אכסניא בביתו נאוה קודש, און דארט מיטהאלטן די הייליגע סעודות יום טוב בצל הקודש.

עס ליגט מיר אין זכרון ווי ראש השנה ביינאכט ביי די סעודה, ווען מ'האט אנגעהויבן צו סערווירן די קאמפאט, האט דער רבי הויך אויסגערופן פארן גאנצן ציבור, אז מ'זאל נזהר זיין נישט צו מאכן קיין עקסטערע ברכה אויף די קאמפאט, היות מ'האט שוין געמאכט א בורא פרי העץ אויף די עפל אנהויב סעודה.

ה' כט) עס האט דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' נחום הלוי מאשקאוויטש ע"ה**

## דבש וחלב תחת לשונך

עס איז געווען אין די יארן וואס איך האב געוואוינט אין אר"י - בערך תשכ"ג-תשכ"ד - איך האב געהאט א שטוב מיט 12 קינדער בליעה"ר.

איך האב זיך זייער שווער געמוטשעט אויף פרנסה, עס איז קוים געווען אויף צו ברענגען ברויט אין שטוב, און דא האט מען געהאלטן פאר'ן חתונה מאכן די קינדער - איך האב דעמאלטס געהאט א חתן און א כלה אין שטוב - ואין בידי לפורטה. איך האב זיך מיישב געווען אז איך וועל פארן קיין אמעריקע און זוכן דארט א פרנסה צו ארבעטן עטליכע חדשים, און דארט שאפן א גרעסערן סכום געלט כדי צו קענען אנגיין ווייטער און חתונה מאכן די קינדער.

ווען איך בין אנגעקומען קיין אמעריקע, האב איך זיך אומגעקוקט פאר א פרנסה. איך האב געטראפן צוויי גוטע ארבעטס פלעצער, וואו מ'וואלט געקענט זייער שיין פארדינען. אזוי אז ביי מיר איז געווען ווי אפגעמאכט אז איך בלייב במשך די קומענדיגע חדשים אין אמעריקע.

ווען איך בין אריין צום **רבי'ן זי"ע** מיט א קוויטל. און איך האב פארציילט פאר'ן רבי'ן אז איך האב צוויי גוטע מקורות פאר פרנסה וואו צו ארבעטן, און איך קלער דא צו בלייבן א תקופה כדי צו שאפן א גרעסערן סכום להביא טרף לביתי.

דער רבי קוקט אין קוויטל און ער זאגט **"ניין, דו בלייבסט נישט דא ארבעטן, נאר פאר אהיים תיכף נאך יום טוב, מ'לאזט נישט איבער א פרוי מיט 12 קינדער אליין אין שטוב"**.

ארויסגייענדיג פונעם רבי'ן בין איך געווען שטארק צומישט און פארלוירן, איך האב איבערגעשמועסט מיט מיינע חברים דעם רבי'נס ווערטער, און וואו דער רבי האט צעווארפן אלע מיינע פלענער, האבן זיי מיך מייעץ געווען אז איך זאל נאכאמאל אריינגיין צום רבי'ן נאך די ימים נוראים, ווען דער מצב וועט שוין זיין רואיגער, און איך זאל פרובירן נאכאמאל משתדל זיין אז דער רבי זאל מיר לאזן דא בלייבן.

איך בין אריין נאכאמאל חול המועד סוכות, א טאג פאר הושענא רבא, ווי נאר דער רבי האט מיר געזען האט ער ניטאמאל געקוקט אויפ'ן קוויטל, נאר ער האט זיך אנגערופן **"מיט דיר האט מען דאך שוין ערלעדיגט אז דו פארסט אהיים מיטן ערשטן פליגער נאך יו"ט"...**

עס איז געווען א חידוש נורא וויפיל טויזנטער אידן זענען אינצווישן דורכגעגאנגען במשך די הייליגע טעג זיך געזעגענען ביים רבי'ן - ביי מיר איז דאס געווען דאס ערשטע מאל וואס דער רבי האט מיר געזען - און ער האט רגע כמימרא געגוי געדענקט וואס ער האט מיט מיר גערעדט מיט עטליכע וואכן פריער.

איך האב אנגעהויבן צו האנדלען מיט'ן רבי'ן "איך האב דארט נישט קיין פרנסה".

זאגט דער רבי **"דער באשעפער וועט דיר דארט אויך העלפן, דו וועסט האבן הצלחה"**.

איך האב פרובירט צו זאגן "איך דארף חתונה מאכן די קינדער".

**השתדלו והרבו תחינה!** לרפואת האה"ח **צפורה אסתר בת מרים פערל** • ולרפואת האה"ח **פראדל בת שרה פיגא** לרפו"ש

זאגט דער רבי, ״**דו וועסט דארט אויך חתונה מאכן די קינדער**״.

האב איך גענוצט א צווייטע מיטל און געזאגט, אז איך וואוין אין א סביבה צווישן מענטשן וואס רעדן ניבול פה, א מיאוס׳ע שפראך. האט דער רבי געזאגט, ״**הארך זיי נישט אויס**״.

איך האב ווייטער פרובירט צו זאגן ״מ׳דארף זיך אכטונג געבן, זיי זענען פרייע מענטשן, מ׳דארף אכטונג געבן וועגן די פלייש, און כשרות״.

ענטפערט דער רבי ״**טאקע וועגן דעם זאלסטו אהיימפארן, און געב אכטונג וואס מ׳עסט, זאלסט טאקע גוט אכטונג געבן**״...

עס איז געווען א חידוש אז וויפיל איך האב נאר פרובירט צו טענה׳ן, האט דער רבי נישט געוואלט הערן פון גארנישט, און ער האט מיר געהייסן אהיימפארן.

דער רבי האט מיר געזאגט מיט׳ן לשון ״**מיט׳ן ערשטן עראפלאן נאך יום טוב זאלסטו אהיימפארן**״.

איך האב געזעהן אז עס איז נחתם דיני, און איך מוז אהיימפארן תיכף נאך יו״ט. מיין מצב איז געווען זייער שווער ווייל ווען איך בין געקומען אהער, האב איך ממש נישט געהאט קיין פרוטה. איך האב געהאט געבארגט א סכום געלט פון מיינע בני משפחה, איך האב געמיינט איך וועל דא ארבעטן, וועל איך האבן צו באצאלן, אבער דא דארף איך אהיימפארן, נאך איידער איך האב געלייזט א פרוטה.

אבער דער רבי האט מיר געזאגט ״**דו וועסט האבן הצלחה**״. האב איך באשטעלט א טיקעט אויפן ערשטן פליגער וואס איז ארויסגעפארן פון אמעריקע מוצאי יו״ט פארטאגס.

לא יאומן כי יסופר, ווען ס׳איז געקומען הושענא רבה, זענען צוגעקומען צו מיר אפאר ידידים און קרובים - זעהט אויס אז מ׳האט אפגעשמועסט עטליכע ידידים אז זיי וועלן מיך מחזק זיין - און מיר געגעבן סכומים געלט.

איך דערצייל בלי גוזמא, אין דעם איינעם טאג בעצם היום הושענא רבה אליין האבן מיר אידן געברענגט אין בית המדרש א סכום פון איבער פיר טויזנט דאללער... בימים ההם איז דאס געווען אן אומגלויבליכער סכום, ווען א טאג בעפאר האב איך נישט געהאט אפילו איין פעני. האב איך שוין געזען אז דער רבי האט מיר געוואונטשן ׳הצלחה׳, באגלייט מיר דעם רבי׳נס ברכה.

מוצאי יו״ט איז געפארן דער ׳ערשטער עראפלאן׳ פארטאגס. איך בין געלאפן צום רבי׳ן אהיים און געבעטן דעם משב״ק ר׳ יוסף אשכנזי ז״ל אז איך דארף כאפן דעם פליגער פארטאגס, איך וויל מיך געזעגענען ביים רבי׳ן.

דער רבי איז אבער געווען פארמאכט ביי זיך אין צימער. ר׳ יוסף האט געזאגט אז ער קען מיר גארנישט טון. אבער, איך האב נישט געוואלט אהיימפארן בעפאר איך געזעגן זיך ביים רבי׳ן.

שפעט ביינאכט - ווייניגער ווי צוויי שעה פאר דער פליגער איז געפארן - איז דער רבי אריינגעקומען אין צימער און זיך געוואשן צו א סעודה, ער האט איינגעטונקען די מוציא אין האניג. אויפ׳ן טיש איז געווען א טיי מיט קאצקע צוקער.

מיר זענען דארט געשטאנען דריי אידן פון אר״י וואס האבן געוואלט כאפן דעם פליגער. און מיר זענען צוגעגאנגען זיך געזעגענען ביים רבי׳ן.

דער רבי האט מיר געגעבן דאס ׳**פלעשל האניג**׳.

פאר הרה״ח ר׳ יעקב הארטמאן ע״ה האט דער רבי געגעבן די קאצקע צוקער וואס איז געווען אויפ׳ן טיש. עס איז געווען א דריטער איד וועמען דער רבי האט געגעבן א שטיקל חלה.

ווען דער רבי האט אונז געזעגנט, האט דער רבי נאר פאר מיר געגעבן 100$ אין די האנט...

מיר זענען אנגעקומען קיין ארץ ישראל א טאג דערויף פארטאגס - דער וועג האט בימים ההם גענומען ארום 24 שעה.

מיין ב״ב האט מיך אפגעווארט מיט א שווערע בשורה אז די יונגסטע טאכטער ליגט אין שפיטאל אין א שווערן מצב, דער דאקטער זאגט מ׳דארף איר אפערירן, און עס איז א גרויסע סכנה, דער ׳ושט׳ איז זייער אויפגעשוואלן. איך בין שנעל געלאפן אין מקוה, דאווענען, תהלים זאגן, און איך זאג איר ׳מיר פארן ארויס אין שפיטאל זען וואס דאס קינד טוט׳.

אינמיטן וועג דערמאן איך זיך אז דער רבי האט מיר געגעבן א פלעשעלע האניג. איך האב מיטגענומען דאס פלעשל האניג מיט א לעפעלע. ווען מיר זענען אנגעקומען אין שפיטאל האבן מיר שוין געזעהן אז דאס קינד האט אויסגעקוקט גאר מסוכן, זי האט קוים געאטעמט. די דאקטוירים האבן געגעבן וויינიג שאנסן פאר די אפעראציע.

איך האב קיינעם נישט געפרעגט קיין שאלות, נאר מיט די פולע אמונת צדיקים האב איך גענומען די האניג, אראפגעגאסן אויף א לעפעלע, און אריינגעלייגט אין איר מויל.

מיין בני בית האט מיר פארגעהאלטן ״וואס טוסטו? אפשר מאכסטו ערגער דעם מצב?!״ איך האב געזאגט ״**ס׳איז בעסער דעם רבינ׳ס זיסע האניג ווי זיך לייגן אונטער׳ן מעסער**״.

זי איז געבליבן מיטן קינד אין שפיטאל בשעת די אפעראציע, און איך בין אהיימגעפארן, ווען עס איז געווען אפגעשמועסט אז נאך די אפעראציע וועל איך איר איבערנעמען.

נאך עטליכע שעה קומט זי אהיים מיט׳ן קינד, זי זאגט אז מ׳האט נישט אפערירט...

מעשה שהי׳, דאס קינד האט זיך פלוצלונג גענומען שפייען און ברעכן, זי האט אויסגעבראכן דאס גאנצע אייטער, און די געשוויר האט זיך געעפנט פון זיך אליין. אלעס איז ארויסגעקומען דורכ׳ן ושט.

די דאקטוירים האבן נאכדעם געמוזט מודה זיין אז ווען זיי מאכן די אפעראציע, וואלט ווען דאס קינד שוין מער דאס נישט געקענט דורכטראגן.

דעמאלטס האבן מיר קלאר געזעהן אז דער רבי האט מיך נישט אהיימגעשיקט אומזינסט מוצאי יו״ט, און דאס פלעשל האניג איז געווען וואס האט געברענגט די רפואה פאר דאס קינד.

(די מעשה האט נאך א המשך, בע״ה).

(ויה״ר מיטן כח פון סיפורי צדיקים וואס זענען ממשיך ישועות ורפואות, זאל דער זכותביישטיין פאר זיין אייניקל האשה החשובה מרת **צפורה אסתר בת מרים פערל** לרפו״ש, נא להזכיר השם לפעול ישועה שלימה מן השמים).

### ח׳ ל׳) עס האט דערציילט אונזער זיידע
## הרה״ח ר׳ מאיר שטיין ע״ה

### ראש השנה אין ראצפערט, שמחת תורה אין סאטמאר

מיין טאטע הרה״ח ר׳ ישראל בער ז״ל פלעגט פארן צו **כ״ק מרן רביה״ק** זלה״ה פון ראצפערט קיין **סאטמאר** מידי שנה בשנה אויף די צווייטע טעג סוכות.

אויף שבועות און ראש השנה פלעגט ער נישט קענען פארן, ווייל דער זיידע, מיין מאמע׳ס טאטע, הרה״ח המפורסם רבי יעקב יוסף לעפקאוויטש ז״ל פלעגט קומען צו אונז פון אוירבע - און שפעטער פון נירבאטור - קיין ראצפערט, להסתופף בצ״ק פון **הרה״ק רבי שלום אליעזר׳ל זי״ע**. אבער אויף די צווייטע טעג סוכות פלעגט דער זיידע אויך פארן קיין סאטמאר.

ב. דער זיידע רבי יעקב יוסף ז״ל פלעגט נאך פארן קיין שינאווא, צום **שינאווער רב ז״ל**. ווען ער האט געהערט אז רבי שלום אליעזר׳ל האט זיך באזעצט אין ראצפערט ׳א זון פון הייליגן צאנזער רב איז געקומען וואוינען אין אונגארן, מ׳דארף אים גיין מחזק זיין׳... איז איז געפארן אויף ראש השנה צו רבי שלום אליעזר׳ל.

רבי שלום אליעזר, ברוב ענותנותו ופשטותו, איז נישט צוגעגאנגען צום עמוד, און ער האט נישט געדאווענט קיין שום תפילה אלס שליח ציבור. נאך יו״ט ווען דער זיידע איז אריינגעגאנגען זיך געזעגענען האט ער געזאגט ״אויב דער רבי דאווענט נישט פארן עמוד, קום איך נישט מער״...

האט אים רבי שלום אליעזר געזאגט ״**איך קען דאך נישט דאווענען פארן עמוד**״...

האט דער זיידע געזאגט ״ווער זאגט אז איר דארפט קענען, איר דארפט נאר שטיין ביים עמוד״... אזוי האט רבי שלום אליעזר׳ל אנגעהויבן צו דאווענען פארן עמוד.

ג. דער זיידע רבי יעקב יוסף, פלעגט האבן זיין אכסניא במשך דעם יו״ט ביים זון ר׳ לייבוש לעפקאוויטש ע״ה אין סאטמאר, אבער מיטל-נאכט פלעגט דער זיידע עסן ביים רבי׳ן, און ער פלעגט מכובד ווערן מיטן בענטשן ביים רבי׳נס טיש.

דאס זעלבע שבועות און ראש השנה ווען ער איז געווען ביי אונז אין ראצפערט, פלעגט ער עסן ביי הרה״ק רבי שלום אליעזר׳ל ז״ל, און ער פלעגט בענטשן ביים טיש.

רבי שלום אליעזר׳ל מיט זיין פשטות פלעגט זאגן פארן זיידנס אייניקלעך, אז ער האט אנגעהויבן צו דאווענען פארן עמוד ״**ווייל איך האב מורא געהאט אז ער וועט נישט קומען**״...

פערציג יאר נאכאנאנד פלעגט דער זיידע קומען צו פארן צו רבי שלום אליעזר׳ל אויף יו״ט. ביז שנת תש״ג ווען ער איז שוין געווען זייער אפגעשוואכט און נישט געהאט קיין כח צו קומען. יענעם יאר האט רבי שלום אליעזר׳ל געזאגט פאר מיין טאטן ז״ל ״פערציג יאר האט ער נישט פארפעלט ביי מיר קיין שבועות״.

ד. יענעם ראש השנה תש״ג, אז דער זיידע איז נישט געקומען צו אונז, זענען מיר געפארן צום רבי׳ן קיין סאטמאר.

דעמאלט איז געווען ראש השנה דאנערשטאג און פרייטאג, דער רבי האט דעמאלט געזאגט די ׳שבת שובה דרשה׳ אין די שטאטישע שוהל. מיר זענען אהינגעגאנגען הערן די דרשה.

דער רבי האט גערעדט פאר די שטאטישע בעלי בתים אז זיי זאלן זען אז די נשים זאלן גיין מיט שייטלעך, און נישט מיט קיין אייגענע האר. אינמיטן די דרשה האט דער רבי געזאגט: ״**ביי מיר אין ביהמ״ד הייס איך אויסטוהן די שייטלעך, דא הייס איך אנטוהן שייטלעך**״...

עס איז געווען שווער צו זיין ביי די תקיעת שופר דרשה וואס דער רבי האט געזאגט אין די שטאטישע שוהל, ווייל מ׳האט דעמאלט געדאווענט שחרית אין רבי׳נס ביהמ״ד. דער רבי פלעגט דאווענען שחרית אינדערהיים, און פון דארט איז ער געגאנגען זאגן די דרשה אין די שוהל.

אויסערליך איז אלעס געווען אינדערהיים אזוי ווי דא, אבער דער עולם איז געווען אנדערש... עס איז געווען מער א ווארימער ציבור, עס זענען געווען חסיד׳ישע אידן וואס זענען נאך געפארן צו פריערדיגע חסיד׳ישע רבי׳ס, עס איז געווען א אנדערע וועלט.

עס איז נישט שייך מסביר צו זיין ווי אזוי עס האט אויסגעזען ווען דער רבי האט זיך ארויפגעשטעלט אויפן ארון הקודש צו זאגן די דרשה. ווען ער איז נאך געשטאנען אויסגעדרייט מיטן פנים צום ארון הקודש און געזאגט א תפילה, איז שוין געווען אזעלכע בכיות אין ביהמ״ד אז איך האב זיך דערשראקן, איך האב געמיינט אז עפעס איז געשען, אזוי מורא׳דיג איז געווען דאס התעוררות אין ביהמ״ד, עס האט אויסגעזען ווי עס האט עפעס שרעקליך פאסירט...

**כל הזכיות שמורות למערכת זקניך ויאמרו לך:** צו איבערגעבן הערות, סיפורי צדיקים - מנדב זיין א גליון לעילו נשמת,
אדער נעמען א טייל אינעם קומענדיגן חלק וואס גייט בקרוב אין דרוק בס״ד: ביטע רופט די מערכת **Tellerkj@gmail.com/845-783-0735**